**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/23/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער א נאציאנאל-פירנדע געזעץ צו באשיצן ענערגיע גריד פון סייבער דראאונגען**

***געזעץ A.3904B/S.5579A באשיצט קעגן סייבער דראאונגען אויף ניו יארק'ס עלעקטריק גריד***

***ניו יארק פירט די פאלק אין רעקאציע צו פרעזידענט ביידען'ס רופן פאר ווייטערדיגע זיכערע קריטישע אינפראסטרוקטור***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן געזעץ (A.3904B/S.5579A) וואס וועט שאפן די שטערקסטע-אין-די-פאלק סייבער סעקיוריטי שיצונגען פאר די סטעיט'ס ענערגיע גריד. די שריט, גענומען אין צייט פון א גלאבאלע שפרינג אין סייבער אטאקעס קעגן קריטישע אינפראסטרוקטור, וועט פארזיכערן אז ניו יארק'ס גריד, די רוקן פון די סטעיט'ס עקאנאמיע, בלייבט פארלעסליך און פארזיכערט.

"די ערשטע מאדערנע עלעקטריק גריד איז געבויעט געווארן אין ניו יארק סטעיט, און 140 יאר שפעטער, נעמען מיר ווייטער נאציאנאל-פירנדע שריט צו האלטן די לעקטער אפן פאר אלע ניו יארקער דורך שטארקן אונזער סייבער סעקיוריטי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר פארשטייען אז אלס די פינאנציעלע הויפט שטאט פון די וועלט און א פירער אין ריינע ענערגיע, איז ניו יארק א ציל פאר העקערס. די קריטישע געזעץ וועט העלפן באשיצן מיליאנען ניו יארקער וועלכע פארלאזן זיך אויף פארלעסליכע עלעקטריק סערוויס און פארזיכערן א גלאטע איבערגאנג צו ריינע ענערגיע."

**געזעץ A.3904B/S.5579A**, וועלכע איז אריבער דורך אלעמען סיי אין ניו יארק סטעיט אסעמבלי און אין ניו יארק סטעיט סענאט, שטארקט שיצונגען פאר די לאקאלע אויסטיילונג סיסטעם און פאדערט יוטיליטיס צו פארזיכערן קריטישע אינפראסטרוקטור קעגן סייבער אטאקעס. די געזעץ וועט פאדערן פאר יוטיליטיס צו זיך צוגרייטן פאר סייבער אטאקעס אין זייער יערליכע עמערזשענסי רעאקציע פלענער - ענליך צו וואס יוטיליטיס טוען זיך צו צוגרייטן פאר שטורעמס. די נייע שיצונגען וועט צושטעלן פאר'ן פאבליק סערוויס קאמישען בעסערע אודיטינג קרעפטן צו פארזיכערן אז קריטישע אינפראסטרוקטור און קאסטומער אינפארמאציע איז פארזיכערט.

די שריט קומט נאך אנווייזונג פון פרעזידענט דזשאו ביידען פארלאנגנדיג אז סטעיט'ס זאלן אוועקשטעלן מינימום סייבער סעקיוריטי פאדערונגען פאר קריטישע אינפראסטרוקטור, אריינגערעכנט די ענערגיע סיסטעם. אין עטליכע פעלער אין די לעצטע צען יאר, האט מען געזען ווי סייבער אטאקעס קענען אויסלעשן עלעקטריק גרידס.

**סטעיט סענאטאר קעווין ס. פארקער האט געזאגט,** "די געזעץ איז א קריטישע טריט אין באשיצן ניו יארק'ס ענערגיע אינפראסטרוקטור פון סייבער אטאקעס און פארזיכערן אז אונזער סטעיט האט א פארלעסליכע ענערגיע קוואל. דאס איז די סיבה פארוואס איך בין צופרידן צו זען די גאווערנער

אונטערשרייבן די געזעץ היינט. מיר שטעלן אוועק א ביישפיל פאר סטעיטס איבער'ן לאנד אינעם צייט וואס ניו יארק זעצט פאר די פירן די לאנד מיט די וויכטיגע ענין."

**אסעמבלימיטגליד מייקעל קאסיק האט געזאגט,** "די ביל אינטערשרייבונג שטעלט פאר א גרויסע טויש אין די שיץ פון קריטישע ענערגיע אינפראסטרוקטור אין ניו יארק סטעיט, איינס וואס איך גלייב וועט ווערן א ביישפיל פאר אנדערע סטעיט איבער'ן לאנד. איך וויל דאנקען די גאווערנער און מיינע מיטארבעטער אין די סטעיט לעגיסלאטור פאר זייער שטיצע מיט באשיצן ניו יארק'ס גריד קעגן העקערס. דאס איז א שטאלצע מאמענט פאר ניו יארקער, אויפווייזנדיג נאכאמאל אז די עמפייר סטעיט פירט פון פארנט."

**הויפט סייבער באאמטער קאלין אהערן האט געזאגט,** "ניו יארק פירט סייבער סעקיוריטי און די געזעץ איז א וויכטיגע טריט מיט שאפן פארזיכערטע ענערגיע אינפראסטוקטור איבער'ן סטעיט. גאווערנער האקול פירט די מאכט צו באקעמפן דראאונגען וועלכע קומען ארויף, א פריאריטעט פאר די סטעיט און לאנד. איך בין איבערראשט צו פארזעצן אונזער פארשריט אויף דעם פראנט און ארבעטן מיט אונזערע מיטארבעטער אויף די וויכטיגע מיסיע."

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, האט ניו יארק סטעיט באדייטנד פארמערט אירע סייבער שיצונגען. מיר האבן געמאכט באדייטליכע אינוועסטירונגען אין ריסאורסעס און סערוויסעס צו העלפן אונזער לאקאלע רעגירונג מיטארבעטער באשיצן קעגן סייבער אטאקעס. די געזעץ בויעט אויף די עררייכונגען דורך העלפן באשיצן קריטישע ענערגיע אינפראסטרוקטור פון צושטערונג. DHSES קוקט ווייטער ארויס צו ארבעטן אינאיינעם מיט אונזער קריטישע אינפראסטרוקטור מיטארבעטער צו פארזיכערן אז ניו יארק'ס ענערגיע אינפראסטרוקטור איז פארזיכערט."

**טשעיר און CEO פון די ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמישען ראָרי קריסטשין האט געזאגט,** "איך אפלאדיר קאווערנער האקול'ס בליק צו אנערקענען די וויכטיגקייט פון באשיצן די סטעיט'ס ענערגיע גריד פון די מעגליכקייט פון א סייבער אטאקע. אונזער עקאנאמיע און געזעלשאפט פארלאזט זיך אויף א ארבעטנדע ענערגיע גריד, אזוי אז דאס באשיצן דארף זיין צווישן אונזערע העכסטע פריאריטעטן."

**דירעקטאר פון די סייבער סעקיוריטי און אינפראסטרוקטור זיכערהייט אגענטור דזשען איסטערלי האט געזאגט,** "העקערס זעצן פאר צו צילן אונזער פאלק'ס קריטישע אינפראסטרוקטור און אינדוסטריאלע קאנטראל סיסטעמס צו דראען די סערוויסעס וואס אמעריקא פארלאזט זיך אויף יעדן טאג. עס איז געוואלדיג צו זען ווי ניו יארק נעמט די וויכטיגע טריט צו באשיצן קריטישע ענערגיע און גאז אינפראסטרוקטור רעגולירט אויפ'ן סטעיט שטאפל. CISA קוקט ארויס צו ווייטער ארבעטן אינאיינעם מיט די סטעיט פון ניו יארק צו העלפן פארזיכערן פארזיכערטע און שטארקע אינפראסטרוקטור."

**טשעירמען, פרעזידענט, און הויפט עקזעקיוטיוו באאמטער, קאנסאלידעיטעד עדיסאן, אינק. טימאטי פ. קאולי האט געזאגט,** "סייבער אטאקעס זענען א שטייגנדע דראאונג צו ענערגיע סיסטעמס און ענערגיע פירמעס איבער'ן לאנד, וואס דעריבער נעמט קאן עדיסאן אזוי ערנסט אונזער פאראנטווארטליכקייט צו באשיצן קריטישע אינפראסטרוקטור, אינפארמאציע סיסטעמס און קאסטומער אינפארמאציע. מיר אפלאדירן אונזער מיטארבעטער אין רעגירונג - גאווערנער האקול, סענאטאר פארקער, און אסעמבלימיטגליד קאסיק - פאר פארזיכערן אז ניו יארק בלייבט א נאציאנאלע פירער אויף אן ענין וואס איז קריטיש וויכטיג."

**דעפיוטי נאציאנאלער זיכערהייט עדווייזער פאר סייבער און ארויפקומענדע טעכנאלאגיע ענן נאובערגער האט געזאגט,** "אין צייט וואס טעכנאלאגיע ווערט געניצט אין נייע וועגן איבער די ענעריגע וועלט, איז זייער וויכטיג אז מיר נעמען טריט צו באשיצן אונזער ענערגיע גריד פון סייבער דראאונגען. מיר

אפלאדירן ניו יארק פאר פאראויס רוקן נאציאנאל-פירנדע, סייבער סעקיוריטי לעגיסלאציע פאר ענערגיע פירמעס. דאס איז א וויכטיגע טריט צו באשיצן קריטישע אינפראסטרוקטור און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן אינאיינעם מיט'ן האקול אדמיניסטראציע מיט איינפירן די נייע פאדערונגען."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418